ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## תצא

(חלק כט שיחה ג)

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״
770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת תצא, ג־ט אלול, ה׳תשפ״ו (א)

# Likkutei Sichot

Copyright © 2026
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# תצא ג

א. בנוגע דעם ציווי[1] „ביומו תתן שכרו ולא תבוא עליו השמש גו׳״ — איז ידוע די שאלה:

חז״ל זאָגן[2] אַז דער אויבערשטער איז „מקיים״ דאָס וואָס „הוא אומר לישראל לעשות ולשמור״. ובעניננו — מיר געפינען בכמה מקומות בחז״ל[3], אַז די עבודה פון אידן בקיום התומ״צ ווערט צוגעגליכן צו דער עבודה פון אַ פועל פאַר זיין בעה״ב, און שכר מצות איז דער „תשלום״ וואָס דער אויבערשטער (דער „בעל הבית״) צאָלט די אידן (די „פועלים״) פאַר זייער „אַרבעט״.

דאַרף לפ״ז אויסקומען, אַז יעדער מאָל ווען אַ איד פאַרענדיקט טאָן אַ מצוה, זאָל ער באַלד („ביומו״) באַקומען דעם שכר פאַר זיין „אַרבעט״ — כציווי השם בתורתו „ביומו תתן שכרו ולא תבוא עליו השמש גו׳״ (און „לא[4] תלין פעולת שכיר אתך עד בקר״)[5].

פאַרוואָס געפינט מען[6], אַז דער אויבערשטער צאָלט שכר מצות (ניט גלייך, נאָר) ערשט „למחר (לעולם הבא[7])״, כמאמר חז״ל[8] „היום לעשותם, למחר לקבל (ליטול[9]) שכרם״, אַז[10] דער אויבערשטער איז „מאחר״ שכרם (פון צדיקים גמורים אפילו) ביז „למחר״[11]?!

ב. מפרשים[12] פאַרענטפערן, אַז וויבאַלד „כל ימינו אנו משועבדים להקב״ה לעבודתו״ (וואָרום יעדער רגע פון חיי האדם איז ער מחוייב „לשמש את קונו[13]״), קומט אויס, אַז דער גאַנצער לעבן פון אַ מענטשן איז איין זמן של שכירות — יעדן אידן איז צוגעטיילט געוואָרן איין „שליחות״ און תפקיד וואָס ער דאַרף דורכפירן במשך חיים חיותו בעלמא דין, און יעדע פעולה שלו בתומ״צ איז אַ פרט פון זיין שליחות ותפקיד;

דערפאַר איז ניטאָ קיין חיוב צו צאָלן אַ אידן שכר מצות ביז לאחרי פטירתו

---

1) פרשתנו כד, טו.

2) שמו״ר פ״ל, ט. ירושלמי ר״ה פ״א ה״ג. וראה ויק״ר פל״ה, ג. ועוד.

3) ראה אבות פ״ב מי״ד־טז. תו״כ (ורש״י) בחוקותי כו, ט. ועוד. — וראה בארוכה „הדרן״ על מס׳ אבות (נדפס בלקו״ש חי״ז ע׳ 387 ואילך. „ביאורים לפרקי אבות״ בסופו).

4) קדושים יט, יג. וראה פרש״י עה״פ.

5) ואע״פ שאם התנה עם הפועל ע״מ שלא יתחייב לפורעו בזמנו תנאו קיים (שו״ע אדה״ז חו״מ הל׳ שאלה ושכירות כו׳ סי״ח) — הרי (א) אם יוכל לפרוע בזמנו טוב לפרעו ולא לסמוך על התנאי (שו״ע שם). (ב) ועוד ועיקר: איך מתאים לומר שהקב״ה התנה שלא כהוראתו בתורתו „ביומו תתן שכרו״ — והרי „מה שהוא עושה הוא אומר לישראל לעשות״ (כנ״ל בפנים).

6) להעיר מדב״ר (פי״א, י) אמר משה כו׳ אתה עושה תורתך פלסתר דכתיב ביומו תתן שכרו . . זו היא שילום עבודה של מ׳ שנה שעמלתי כו׳.

7) תנחומא בראשית א. רש״י ס״פ ואתחנן.

8) עירובין כב, א. ע״ז (ג, א. ד, ב).

9) כ״ה בע״י עירובין שם (ועד״ז בע״ז ותנחומא שם: ולא היום ליטול שכרן). רש״י ס״פ ואתחנן. ועוד. — נת׳ לעיל ע׳ 44 ואילך.

10) עירובין שם.

11) אף שישנם עניני שכר גם בעוה״ז (ככל יעודי התורה (ראה לקמן סעיף ד ואילך). וראה משנה ריש פאה. ועוד) — אי״ז עיקר שכרן של מצות. ואחז״ל (קידושין לט, ב. חולין בסופה) שכר מצוה בהאי עלמא ליכא (וראה לקו״ש חי״ט ע׳ 197 ואילך).

12) עיון יעקב לע״י עירובין שם (וראה שם (וכן בע״ז ד, ב). ובכמה מפרשים עוד תירוצים. ואכ״מ).

13) קידושין בסופה.

מן העולם (ווען עס ענדיקט זיך דער זמן השכירות), ווייל „שכירות אינה משתלמת אלא לבסוף"[14] (ווי דער דין[15], אַז אויב איינער האָט געדונגען אַ פועל פאַר אַ תקופה מסויימת, איז דער שוכר ניט עובר אויף בל תלין ביז עס גייט דורך כל התקופה).

דער תירוץ איז אָבער מתאים נאָר לויט שיטת הרמב"ם, אַז עוה"ב — „סוף מתן שכרן של מצות"[16] — איז עולם הנפשות בלא גוף (גן עדן)[17], וואָס „באין לו לאדם אחר חיי העולם הזה"[18] — ולפ"ז באַציט זיך „למחר (לעולם הבא) לקבל שכרם" צו גן עדן[19]:

משא"כ לויט שיטת הרמב"ן[20] — וואָס אַזוי איז די הכרעה פון קבלה און חסידות[21] — אַז עולם הבא דאָ מיינט עולם התחי' (און דאָס איז דער תכלית השכר) — קומט אויס, אַז דער אויבער־שטער איז „מאחר" שכר מצות ביז לעתיד לבא, הרבה זמן נאָך דעם ווי עס ענדיקט זיך דער זמן ה„שכירות" פון אַ אידן (אַ איד מוז וואַרטן צו באַקומען דעם שכר מצות ביזן זמן פון (ימות המשיח ו)עולם התחי')[22]!

והדרא קושיא לדוכתא: ווי שטימט דער זמן התשלום פון שכר מצות מיט דער הלכה פון „ביומו תתן שכרו"?

ג. וי"ל — די שאלה ווערט באַוואָרנט לויטן ביאור פון אַלטן רבי'ן אין ספר התניא:

דער אַלטער רבי[23] ברענגט דעם מאמר רז"ל[24] אַז „תכלית בריאת עולם הזה הוא שנתאוה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים", וואָס דאָס מיינט אַז אין עולם הזה התחתון „שאין תחתון למטה ממנו בענין הסתר אורו ית'" זאָל לייכטן דער „אור ה'" אָן קיין שום פאַרשטעל[25].

און דאָס ווערט אויפגעטאָן דורך „מעשינו ועבודתנו כל זמן משך הגלות"[26] (ובמשך כל זמני העבודה בכלל), וואָרום יעדע פעולה פון אַ אידן אין עבודת התומ"צ איז פועל אַ זיכוך בגשמיות גופו וחלקו בעולם (און אַ המשכת אור אלקי בעולם) — אַזוי, אַז בצירוף פון עבודת כל בני ישראל במשך כל הדורות ווערט נשלם דער בירור וזיכוך פון גאַנץ עולם הזה און די גאַנצע וועלט ווערט אַ „דירה לו יתברך".

[און ווי דער אַלטער רבי איז מבאר[27], אַז „כללות העולם" איז צעטיילט אויף ששים רבוא חלקים, כנגד די „ששים רבוא נשמות" (וואָס דאָס איז דער מספר

14) ב"מ קי, ב.

15) ב"מ שם (במשנה). רמב"ם הל' שכירות פי"א ה"ב. שו"ע חו"מ סשל"ט ס"ה. שו"ע אדה"ז חו"מ שם סי"ב.

16) ל' הרמב"ם הל' תשובה פ"ט ה"א.

17) הל' תשובה פ"ח ה"ב.

18) שם ספ"ח.

19) להעיר מרש"י עירובין שם ד"ה ולא למחר לעשותם. וראה ענף יוסף לע"י שם. „חדושי גאונים" לע"י ע"ז ג, א.

אבל להעיר, דגם להרמב"ם, „סוף מתן שכרן של מצות" לכאורה אינו הג"ע דעתה (שלאחרי מיתה), אלא לאחרי ימוה"מ ותחה"מ (ראה עיקרים מ"ד פל"א).

20) שער הגמול בסופו (הועתק ב„פירוש" לרמב"ם הל' תשובה פ"ט ה"ב). וראה גם השגת הראב"ד שם פ"ח ה"ב. ועוד.

21) ראה לקו"ת (צו טו, ג. ש"ש סה, סע"ד). סהמ"צ להצ"צ מצות ציצית. ובכ"מ.

22) אף שישנו השכר דג"ע — אי"ז עיקר שכרן של מצות (לדעת הרמב"ן כו'). וראה סהמ"צ להצ"צ שם (ובכ"מ) דבג"ע הוא (בעיקר) השכר על לימוד התורה, ובתחה"מ הוא מתן שכרן של מצות. ע"ש.

23) תניא רפל"ו.

24) תנחומא נשא טז. ועוד.

25) תניא שם (פל"ו).

26) ל' התניא רפל"ז.

27) תניא פל"ז (מח, א).

פון די נשמות כלליות וועלכע זיינען „שרשים" פון אַלע נשמות ישראל — וואָס יעדע נשמה פרטית איז אַ ניצוץ פון איינעם פון די „ששים רבוא . . שרשים") — והיינו, אַז יעדע נשמה פרטית, יעדער איד האָט אַ חלק אין עולם וואָס איז „שייך לו", וואָס דורך זיין עבודה בתומ"צ איז ער מזכך „זיין" חלק אין עוה"ז;

און דורך דעם וואָס אַלע ששים רבוא נשמות ישראל פירן דורך זייער עבודה, ווערט נזדכך „כללות העולם" און ער ווערט אַ דירה לו יתברך].

און צו דעם מצב פון תכלית הזיכוך והעלי' וועט דער עולם צוקומען לעתיד לבא — לימות המשיח, ובעיקר ובשלימות — בתחיית המתים, וואָס דאַן וועט לגמרי בטל ווערן דער רע פון עולם הזה און עס וועט זיין „התגלות[28] כבודו וראו כל בשר יחדיו ויופיע עליהם בהדר גאון עוזו וימלא כבוד ה' את כל הארץ".

קומט לפ"ז אויס, אַז די עבודה פון אַלע אידן צוזאַמען במשך כל הדורות יחד איז אין גדר פון איין „שכירות", וואָס ענינה ותכליתה איז צו אויפטאָן אַ דירה לו יתברך בתחתונים. וי"ל נאָך מער: אין דעם תפקיד זיינען אידן (ניט אין גדר פון „שכיר", נאָר) אין גדר פון „קבלן": דער אויבערשטער האָט איבער־געגעבן עולמו בידי ישראל אַז זיי זאָלן מאַכן פון דעם עולם אַ דירה לו יתברך.

און דערמיט איז פאַרענטפערט פאַר־וואָס עיקר ענין השכר ווערט באַצאָלט ערשט לעתיד לבא (בימות המשיח, ובעיקר — בעולם התחי') — ווייל דער שכר פון עולם הבא איז דער תשלום כללי צו אַלע אידן כאחד[28*] פאַר זייער עבודה צו מאַכן פון וועלט אַ דירה לו יתברך: און דעם שכר באַקומען אידן תיכף נאָך זייער פאַרענדיקן די עבודה פון לעשות לו יתברך דירה בתחתונים.

ד. לויט דעם הסבר אין דעם תוכן פון שכר המצות — קען מען מבאר זיין נאָך אַן ענין בשייכות צו שכר מצות:

עס איז ידוע וואָס דער רמב"ם[29] איז מבאר בנוגע די הבטחות ויעודים טובים בגשמיות, וואָס מיר געפינען „בכל התורה כולה" (דלכאורה, ווי שטימט עס מיט דעם אַז „מתן שכרן של מצות . . היא חיי העולם הבא"?) — אַז „אין אותן הטובות הם סוף מתן שכרן של מצות . . אלא . . הקב"ה נתן לנו תורה . . והבטיחנו בתורה שאם נעשה אותה בשמחה . . יסיר ממנו כל הדברים המונעים אותנו מלע־שותה . . וישפיע לנו כל הטובות המחזי־קות את ידינו לעשות התורה . . כדי . . (ש)נשב פנויים ללמוד בחכמה ולעשות המצוה כדי שנזכה לחיי העולם הבא".

פון שטחיות לשון הרמב"ם איז משמע, אַז די השפעות „כל הטובות" בענינים גשמיים וואָס דער אויבערשטער איז מבטיח, זיינען ניט בתור תשלום שכר, נאָר אַן ענין צדדי, וואָס קומט מצד חסד ה' — היות אַז אידן זיינען מקיים תומ"צ (בשמחה), איז די הנהגה מלמעלה באופן אַז דער אויבערשטער נעמט אַוועק די דברים המונעים און איז משפיע „לנו כל הטובות המחזיקות את ידינו" צו קענען נאָך בעסער דורכפירן זייער עבודה בתומ"צ.

ס'איז אָבער שווער אַזוי צו זאָגן, ווייל לפ"ז וועט אויסקומען, אַז אין די אַלע

28) ל' התניא שם (מז, סע"ב ואילך).

28*) משא"כ השכר דג"ע הוא על עבודתו הפרטית של כאו"א, ולכן בא לו לאחרי גמר עבודתו (כנ"ל ס"ב). וראה לעיל הערה 22. — ולהעיר מאגה"ק סי"ז.

29) הל' תשובה פ"ט ה"א.

ערטער וואו חז״ל פאַרגלייכן דעם ענין פון שכר מצות צום תשלום וואָס אַ בעה״ב איז מחוייב צו צאָלן זיין פועל, ווערט געמיינט בלויז דער שכר פון עוה״ב – און ניט דער ריבוי עניני שכר המפורשים בתורה שבכתב[30]!

איז דעריבער מסתבר צו זאָגן, אַז אויך דער ענין פון השפעות „כל הטובות״ המבואר ברמב״ם (המחזיקות את ידינו לעשות התורה), איז אין גדר פון שכר[31] ובמילא אַן ענין פון הלכה, וואָס מען געפינט דוגמתה אין די חיובי הבעה״ב צו אַ פועל.

ה. לכאורה וואָלט מען דאָס געקענט פאַרבינדן מיט הידוע, אַז אידן ווערן אָנגערופן עבדי ה׳, און דער דין ביי אַן עבד עברי איז, אַז „חייב האדון להשוותן לו במאכל ובמשקה בכסות ובמדור״[32]. און דערפאַר, בשעת מיר זיינען זיך מתעסק בעבודת ה׳, איז דאָ אַ חיוב כביכול אויף דעם אויבערשטן, אונזער אדון, צוצושטעלן אַלע אונזערע צרכים ובהרחבה („להשוותן לו״).

אָבער דאָס איז ניט מתאים. ווייל דער **חיוב** פון אַן אדון לעבדו – איז ניט דומה צו שכר מצות (ווי אַ בעה״ב צאָלט זיין פועל) – דאָס איז ניט שכר פעולה, נאָר אַ חיוב על האדון לעבדו מצד דעם וואָס הקונה עבד עברי כקונה אדון לעצמו[33].

[ובכלל: דער גדר פון שכר מצות – אַז דער אויבערשטער צאָלט אידן פאַר זייער עבודה ווי מען צאָלט אַ פועל – איז ניטאָ באַ אידן אַלס עבדים פון אויבערשטן: אַן עבד באַקומט ניט שכר פאַר זיין אַרבעט; ער איז מחוייב צו אַרבעטן, זייענדיק קנוי לרבו[34]].

משא״כ די השפעות טובות הנ״ל, זיינען אַן ענין של התחייבות[35], וואָס דוגמתם זיינען די חיובים פון אַ בעה״ב צו זיין פועל.

אויך איז דאָס ניט מצד דעם וואָס ביי אַ פועל איז דער דין – „כי תבוא בכרם רעך ואכלת ענבים כנפשך שבעך גו׳ כי תבא בקמת רעך וקטפת גו׳״[36]*, אַז דער בעה״ב מוז לאָזן די פועלים עסן „ממה שהן עושין בו״[37] – אַז עד״ז איז בנדו״ד: וויבאַלד אידן געפינען זיך בכרמו ושדהו של הקב״ה (עולם הזה) און טוען דאָרט „מלאכה״ פאַרן „בעל הבית״, נעמען זיי זייערע צרכים (שכל

30) ראה גם לעיל ע׳ 43־42.

31) ולהעיר מלשון הרמב״ם שם „אין אותן הטובות כו׳ סוף מתן שכרן של מצות״.

32) רמב״ם הל׳ עבדים פ״א ה״ט. וראה גם לקו״ש חי״ט ע׳ 204 ואילך.

33) קידושין כ, א.

34) ראה בארוכה „הדרן״ הנ״ל (הערה 3) סעיף ז (ח) ואילך.

35) אף שבכלל לא שייך „חיוב״ למעלה, ד„מי הקדימני ואשלם״ (ויק״ר פכ״ז, ב), ונאמר (תהלים סב, יג) „ולך אד׳ חסד כי אתה תשלם לאיש כמעשהו״ (ראה אוה״ת שה״ש (כרך ב) ע׳ תשמט ואילך. וש״נ. ועוד).

36) פרשתנו כג, כה־כו – דבפועל הכתוב מדבר (ב״מ פז, סע״ב. פרש״י עה״פ*. רמב״ם הל׳ שכירות רפי״ב).

37) ל׳ הרמב״ם שם.

*) היינו שכ״ה גם ע״פ **פשוטו** של מקרא. ועוד: מזה שרש״י מעתיק בהד״ה רק התיבות „כי תבוא בכרם רעך״ (וכן בפירושו על כי תבוא בקמת רעך) מובן, שההכרח לפירושו הוא מתיבות אלו עצמן (ודלא כמ״ש במפרשי רש״י (רא״ם, גו״א ועוד) שרש״י סומך עמ״ש בד״ה שלאח״ז). וי״ל **בפשטות**, כמ״ש ברמב״ם (שבפנים ההערה) „וכי אילו לא שכרו מי התיר לו שיבא בכרם רעהו בקמה שלו שלא מדעתו״ (ומתורצת קושיית הלח״מ שם, כי זהו „דרשה היותר פשוטה״ – יד מלאכי כללי הרמב״ם אות ד . – וראה בארוכה לקו״ש חל״ד ע׳ 129 ואילך.

צרכי האדם ווערן אָנגערופן בשם אכילה[38]) „ממה שהן עושין בו" —

ווייל די מצוה לייגט אַרויף אַ חיוב אויפן בעה"ב (ניט צו מאכיל זיין דעם פועל, נאָר) בלויז — „שיניח[37] אותן לא־כול"[39] [ולהוסיף: דער חיוב איז ניט נאָר בשייכות צו אַן אדם במלאכתו, נאָר אפילו בנוגע אַ בהמה וואָס אַרבעט — „לא תחסום שור בדישו"[40]]:

משא"כ די יעודים טובים הנ"ל בנוגע די מצות זיינען ענינים וואָס דער אוי־בערשטער איז כביכול מחוייב[35] צו געבן אידן אַלס שכר פאַר זייער עבודה.

ו. ויש לומר הביאור בזה:

ע"פ האמור לעיל (סעיף ג) — אַז דער תפקיד פון אידן איז צו מאַכן פון עולם הזה אַ דירה לו יתברך — איז יש לומר, אַז די עבודה פון אידן אין וועלט האָט אין זיך (ניט נאָר דעם גדר פון „קבל־נות", נאָר) אויך דעם גדר פון שותפות:

היות אַז דער שכר דלעתיד לבא באַ־שטייט אין דעם וואָס אידן וועלן זען „עין בעין" כבוד השם, דעם אור אלקי וואָס איז נמשך געוואָרן דורך זייער עבודה, אין דעם אופן פון „שכר מצוה מצוה"[41] — והיינו, אַז דער „שכר" איז ניט קיין באַזונדער זאַך פון זייער עבודה, נאָר — דער תוכן פון דער עבודה גופא[42] —

קומט אויס, אַז דאָס איז בדוגמא כביכול פונעם דין[43] „הנותן ביצים לבעל התרנגולים להושיב התרנגולים עליהן עד שיצאו האפרוחים ויגדל אותן בעל התרנגולים ויהי' הריוח ביניהם":

דער אויבערשטער האָט איבערגע־געבן עולמו צו בני ישראל, זיי זאָלן אויפטאָן בעבודתם, אַז אלקות וואָס איז פאַראַן אין וועלט בכח[44] ובהעלם (בדוגמא כביכול ווי די אפרוחים וועלכע זיינען דאָ „בכח" אין די ביצים) זאָל נתגלה ווערן און ביז צו תכלית הגילוי (—„ויגדל אותן") — און דער „ריוח" פון אָט דער עבודה איז (מצד וכעין „שותפות") „ביניהם":

38) ראה סנהדרין לח, א (ובפרש"י שם ד"ה שיכנס). ועוד.

39) ודוחק לומר שהבטחת התורה ביעודים גשמיים היא כמו בעה"ב שפסק ליתן מזונות לפועליו (ראה ב"מ רפ"ז) — כי זהו לא שכר פעולה, כ"א ענין נוסף שהבעה"ב קיבל עליו (או שכ"ה מנהג המקום — ראה ב"מ שם), משא"כ הדין שהפועלים אוכלים ממה שהן עושין בו שהוא חיוב מה"ת (ראה תוד"ה ואלו ב"מ פז, א).

40) פרשתנו כה, ד. — ודיני לא תחסום באו ברמב"ם (שם פי"ג) בהמשך לדיני אכילת הפועל. ובשו"ע אדה"ז (חו"מ שם סכ"ב) כללם יחד: אדם או בהמה כו' אוכלים ממה שעושי' בו כו'.

41) אבות פ"ד מ"ב. וראה תניא רפל"ז. שם פל"ט (נב, ב).

42) וי"ל שזהו ההפרש בין השכר דימות המשיח ותחה"מ לגבי „קבלת שכר (ש)עיקרו באלף השביעי" (תניא פל"ו בהגהה) — דימוה"מ ותחה"מ „הם תכלית ושלימות בריאת* עוה"ז" (תניא שם), היינו ה„ריוח" מהעבודה עצמה (ע"ד האפרוחים היוצאים ע"י הושבת התרנגולים); משא"כ השכר דאלף השביעי הוא לאחרי (ולמעלה מ)כל גדר של עבודה (ראה שע"ת לאדהאמ"צ ח"ב פל"ב (כג, ד)).

[ומ"מ אין ב„איחור" שכר זה עד אלף השביעי משום בל תלין — כי ענינו של אלף השביעי הוא קבלת השכר על כללות ענין העבודה דכל שית אלפי שנין, ששת ימי המעשה (ראה שע"ת שם). ואכ"מ].

43) רמב"ם הל' שלוחין ושותפין רפ"ח.

44) להעיר מע"ח בתחלתו (וכן בשער ההקדמות הקדמה ג') שאחד מטעמי הבריאה הוא — „שיתגלו שלימות כוחותיו כו'". וע"פ המבואר בלקו"ש חי"ט (ע' 194 ואילך) יש לקשר זה עם המבואר בפנים. ואכ"מ.

*) לכאורה כצ"ל. וכ"ה בכמה דפוסים.

דער אויבערשטער איז זיך מתענג כביכול פון דעם וואָס עס האָט זיך אויסגעפירט דער נתאווה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים (כמאמר[45] „נחת רוח לפני שאמרתי ונעשה רצוני"); און אידן האָבן תענוג פון „לחזות בנועם ה'"[46], פון דעם גילוי אלקות וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן בעבודתם.

[וואָס דאָס איז ניט נאָר אַ „שותפות" אין אַ זייטיקן „ריוח" – אין דעם גילוי התענוג וואָס עבודת בני ישראל טוט אויף – נאָר אין אַ „ריוח" וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם עצם מציאות פון עולם (ע"ד ווי אין דעם דין הנ"ל, אַז מ'איז שותפים אין די אפרוחים וועלכע קומען אַרויס פון די ביצים גופא), כמאמר חז"ל[47] „כל המתפלל כו' ויכולו כו' כאילו נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית". וואָס דער תוכן הענין פון אמירת „ויכולו" איז צו „מעיד" און מגלה זיין[48] די הכרה אין בורא עולם, וואָס דאָס איז דער מכוון פון כללות עבודתם של בנ"י בעולם שנברא בששת ימי בראשית – און דורך דער עבודה פון מגלה זיין אלקות אין עולם, וואָס מען מאַכט די וועלט גופא אַ „דירה לו ית'", ווערט מען אַ „שותף להקב"ה במעשה בראשית"].

ועפ"ז יש לומר, אַז דער „חיוב" צו צאָלן אידן שכר מצות בעוה"ז (להסיר הדברים המונעים ולהשפיע הטובות המ־חזיקות את ידינו לעשות התורה) איז מיוסד על הלכה זו ד„הנותן ביצים לבעל התרנגולים כו' ויהי' הריוח ביניהם", וואָס דער דין איז[43], אַז נוסף אויף דעם חלק הריוח, וואָס דער „נותן" טיילט צו דעם „בעל התרנגולים" לאחרי ש„יגדל אותן", איז ער מחוייב „(צריך) להעלות שכר עמלו ומזונו . . בכל יום".

וכן הוא בעניננו, אַז אויסער דעם חיוב פון חלוקת הריוח לעתיד לבא (נאָך דעם ווי אידן פאַרענדיקן זייער עבודה צו מאַכן פון וועלט אַ דירה לו יתברך), איז אויך בזמן הזה – במשך זמן העבודה – פאַראַן דער חיוב צו געבן אידן דעם שכר פון „עמלם ומזונם", כדי זיי זאָלן קענען דורכפירן עבודתם כדבעי („נשב פנויים ללמוד בחכמה ולעשות המצוה").

ז. ענין הנ"ל האָט אַ שייכות מיוחדת צום זמן אין וועלכן מען געפינט זיך איצט – חודש אלול, דער חודש ההכנה צום יום הדין, וואָס הדין פון ר"ה איז אויף ענינים גשמיים[49]:

ע"פ כל הנ"ל איז פאַרשטאַנדיק, אַז לבד זאת וואָס זייענדיק עבדיו של הקב"ה, דאַרף דער אויבערשטער אונז געבן אַלע אונזערע צרכים אין מזון לבוש ובית (ביז אין אַן אופן פון „להשוותן לו", כביכול);

און לבד זאת וואָס אויך מצד דעם יחס פון „בעה"ב" און „פועל", איז ווען אַ איד טוט עבודתו אין שדהו וכרמו של הקב"ה, דאַרף אים געגעבן ווערן די אפשריות פון „ואכלת גו' כנפשך שבעך גו'" פון דעם אויבערשטנ'ס כרם, עוה"ז [און דאָס אפילו אויך מצד דעם גוף ונפש הבהמית, „בהמה" שבאדם, היות אַז מקרא מלא דבר הכתוב „לא תחסום שור בדישו"][49];

45) ספרי (ורש"י) פינחס כח, ח. ובכ"מ.

46) ל' הכתוב – תהלים כז, ד. וראה אגה"ק סכ"ט.

47) שבת קיט, ריש ע"ב. ועד"ז בדן דין אמת לאמיתו (שבת י, א. וש"נ) ועוד.

48) ראה חדא"ג מהרש"א שם. אוה"ת בראשית עה"פ ויכולו (מג, ב ואילך. שם כרך ג תקו, ב ואילך). לקו"ש ח"ו ע' 22 הערה 73.

49) לקו"ת ר"ה (נט, ב) – מהגהמ"י (הל' תשובה פ"ג אות א) בשם הרמב"ן.

**הנה נוסף על כל זה, איז דאָ אַ** חיוב **בכיכול אויף דעם אויבערשטן צוצו־שטעלן די אידן און זיי באַזאָרגן** נאָך פון פריער **מיט שכר „עמלם ומזונם" כדי זיי צו געבן די מעגלעכקייט דורכצופירן עבודתם.**

**ובפשטות — אַז שוין בתחילת השנה איז יעדער איד זוכה בדין און ווערט נכתב ונחתם לאלתר[50] בספרם של צדיקים גמורים לשנה טובה ומתוקה בטוב** הנראה והנגלה **— בבני חיי ומזוני רוויחי, ובכולם רויחי, אויך בגשמיות כפשוטה,**

**און בשעת דער אויבערשטער גיט אידן גשמיות, מאַכן זיי דערפון רוח־ניות[51], און פירן דורך תפקידם — לעשות לו יתברך דירה בתחתונים.**

(משיחות ש"פ וארא וש"פ בא תשמ"ו; ש"פ תצא תשמ"ה)

50) ר"ה (טז, ב) וב„מדרש" (ירושלמי ר"ה פ"א ה"ג. ועוד) הובא בטאו"ח (סו"ס תקפא) שכבר בער"ה בטוחין שזוכין כו' ועד שמתעטפין כו'.

51) כפתגם אדה"ז („היום יום" כז טבת).